

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' לך לך
תשפ"ב לפ"ק
גליון קצ"ב

## פראגע

### וואו איז דער מקור אז אברהם אבינו האט גערעדט צו זיינע תלמידים וועגן די וואונדער פון דער נאטור?

## ענטפער:

אברהם אבינו האט אויסגערופן אין נאמען פונעם אויבערשטן; "ויקרא בשם השם (בראשית, יב, ט). וואס מיינט איר האט ער געטון? ווען ער האט געבויט א מזבח און געשריבן "השם, השם, יעדער זאל קומען דינען דעם אויבערשטן!"? ווען מען רעדט צו א פרעמדן מענטש און מען זאגט אים דעם נאמען פון השי"ת, איז עס ווי רעדן צו דער וואנט. עס איז פשוט שכל הישר אז אברהם האט גערעדט צו זיי וועגן די מערסט-אפענע ראיה וואס איז דא צו מציאות הבורא.

און וואס איז די קלארסטע ראיה? דער חובת הלבבות זאגט אנהייב פון "שער הבחינה" אז די נענטסטע וועג פאר א מענטש קונה צו זיין אמונה איז צו אבזערווירן די **פלאי הבריאה**. פאר אסאך מענטשן זענען די ווערטער באדייטלאז, ווייל זיי האבן קיינמאל נישט אריינגעטראכט דערין, אבער ווען מען לייגט צו מחשבה זעט מען פלאנירונג און א תכלית אין די גאנצע בריאה. מען הייבט אן צו פארשטיין אז די טבע איז א געוואלדיגע דעמאנסטראציע, וואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז מען זאל אים קענען זען מיט די אויגן.

ווען מען זעט דערנער, וואס קוקן אויס ממש ווי מעסערס, אויף די רויזן-ביימעלעך דארף מען זיך פרעגן; פארוואס געפונען זיך דארט די שארפע דערנער? – און מען פארשטייט אז דאס איז צוליב דעם וואס די רויזן זענען אזעלכע הערליכע און שמעקעדיגע בלומען און מענטשן וואלטן פרובירט אויסצורייסן דעם פלאנצונג און עס אהיימנעמען; זיי וואלטן ארויסגעריסן דעם גאנצן ביימעלע! וועגן דעם זענען דארט די מעסערס און זיי זענען אויסגעפארעמט מיט א **פונקטליכקייט** אויף די סאמע-בעסטע וועג. זיי זענען אלע געריכטעט אויף אראפ, כדי ווען א מענטש פרובירט ארויסצושלעפן דעם ביימעלע אויף ארויף, קומען די מעסערס גלייך אריין אין זיין פלייש.

קומענדיגע מאל איר זעט א רויזן-ביימעלע, שטעלט אייך אפ און שטודירט עס. צוביסלעך וועט איר אנהייבן זען דעם יד השם אין דער נאטור. די דערנער זענען נישט דארט פערצופאל. עס זענען נישט דא קיין דערנער אויף טאפאל-ביימער; עס זענען נישט דא קיין דערנער אויף פשוט'ע ביימער. דערנער געפונען זיך נאר אויף די טייערע בלומען, די רויזן, ווייל דאס איז די מערסטע אויסגעשטעלט צו ווערן אויסגעריסן דורך מענטשן. אזוי הייבט מען אן צו פארשטיין אז דעם אויבערשטנ'ס טריט זענען איבעראל אין נאטור.

ווען אברהם האט אויסגערופן בשם ד', איז גארנישט דא וואס וואלט געקענט איבערצייגן זיינע צוהערער חוץ די וואונדער פון חכמה און תכלית וואס מען זעט אין די טבע.

## פראגע

### וואס איז א גוטע סגולה צו טרעפן א שידוך?

## ענטפער:

די בעסטע סגולה איז צו בעטן דעם אויבערשטן! דאס איז אויך א סגולה. יעדער איינער דארף מתפלל זיין צום אויבערשטן צו טרעפן א גוטע שידוך. ווייל דאס איז עפעס וואס גייט אפעקטירן דיין לעבן און דיינע קומענדיגע דורות. אויב מען האט חתונה מיט א מיידל וואס וויל נישט האבן קיין סך קינדער, וועט איר האבן בלויז א קליינע פאמיליע פון אפשר צוויי קינדער. איין טאג וועט איר זיך ארומקוקן און זען אז אנדערע האבן גרויסע משפחות פון קינדער און אייניקלעך און אור-אייניקלעך, און זיי זענען נחת! מען זעט וויפיל פרומע אידן זענען ארויסגעקומען פון די באשיידענע חתונה פאר אסאך יארן צוריק.

געדענקסט די ארימע מיידל וואס האט חתונה געהאט אין א זאַל פאר יארן צוריק? קוק יעצט וואס איז געשען, אזויפיל בני

תורה, אזויפיל הערליכע אינגלעך און מיידלעך, אלע זענען פרומע אידן.

איז עס נישט קיין טראגעדיע אז צוליב א נארישע מיידל וואס האט זיך אריינגענומען אין קאפ אז זי וויל נישט האבן מער ווי צוויי בעביס, זאלסטו ווערן פארמיטן פון אויך האבן אזא גרויסקייט?

מען דארף בעטן דעם איבערשטן ער זאל שיקן דעם ריכטיגן בחור און די ריכטיגע מיידל, און בעט וויפיל דו קענסט נאר. און איך וויל צולייגן א שטיקל עצה. עס וואלט נישט געשאדט אויב דו קענסט צולייגן א טרער אדער צוויי בשעת דו ביזט מתפלל. בעט און לאז א טרער אז דער אויבערשטער זאל דיר שיקן די ריכטיגע זאך. דאס איז די בעסטע סגולה פון אלעם.

אויב איר ווילט נאך סגולות, מיידלעך; ווען איר דארפט גיין זיך טרעפן מיט א בחור צום ערשטן מאל, מאכט נישט דעם טעות פון פארפאטשקען דעם געלעגנהייט. מאכט זיכער אויסצוקוקן דאס בעסטע וואס איר קענט. איך האב עס אמאל געזאגט פאר א פרום מיידל און זי האט געזאגט, "דו מיינסט צו זאגן אז אן אמת'ע בעל תורה קוקט אויף אזעלכע זאכן?"

אודאי קוקט א בן תורה אויף אזעלכע זאכן. צו טראכטן אנדערש איז אומרעאליסטיש; יעדע מיידל דארף זיך גרייטן צום ערשטן באגעגעניש. איר דארפט נוצן אלעס וואס איר האט און אפילו וואס איר האט נישט. דאס איז א תורה'דיגע השקפה! א פרוי דארף אויסנוצן אלע וועגן וואס זי קען אריינצוכאפן דעם ריכטיגן מאן. און איך וועל צולייגן נאך איין זאך... אנצוהאלטן דעם ריכטיגן מאן.

איר גאנצע לעבן דארף זי זיך אהערשטעלן פאר איר מאן, נישט פאר די גאס. עס איז נישט בלויז א שאד די כוחות, נאר עס איז בכלל נישט קיין מצוה פאר א פרוי זיך צו צייגן אויף'ן גאס. זי דארף זיך נישט ווארפן אין די אויגן פון אנדערע מענטשן. אויף'ן גאס זאל זי זיין אנגעטון די מערסטע פשוט וואס נאר מעגליך. אבער אינדערהיים פאר איר מאן דארף זי אלעמאל מאכן די בעסטע ארבעט, אפילו ווען זי איז שוין אן אלטע פרוי. מיינט נישט אז פאר אן אלטער תלמיד חכם, אן אלטער צדיק גייט נישט אן די זאכן.

און וואס איר הערט יעצט איז סאלידע, גוטע עצות – און איר וועט זיך עס איבערצייגן ווען איר זענט 85 יאר.

**פראגע**

## זאלן מיר בעטן פאר די רשעים אין גיהנם אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף זיי?

## ענטפער:

דאס איז א נאבעלע געדאנק. אויב זענט איר זייער א גוטהארציגער מענטש וועל איך אייך נישט צוריקהאלטן. אבער פון דעסט וועגן, געוויסע רשעים דארפן מיר מתפלל אז זיי זאלן **בלייבן** אין גיהנם. דער אמת איז אז די וועלט איז געווארן פארפירט מיט **פאלשע גוטהארציגקייט** וואס קומט פון א געוויסער בוך – איך וויל נישט דא דערמאנען דעם נאמען, אבער א געוויסע בוך רעדט וועגן איבערדרייען די אנדערע באקן צו די פיינט און זיך לאזן שלאגן. וואס אגב, זיי פראקטיצירן עס קיינמאל נישט; ס'איז נאר א שיינע סלאגאן.

אבער מיר פאפן נישט. און דערפאר זאגן מיר, "רבונו של עולם, מאך ווארימער דעם גיהנם פאר היטלער. ווארימער! צי ארויף די היץ! פרעגל אים! לאז אים זיך בראטן." און לאמיר אלע בעטן אויף דעם.

אויב איר ווילט בעטן לאמיר זאגן פאר קארל מארקס, אדער פאר ליאן טראצקי, זאג איך אייך נישט וואס צו טון אין אזא פאל. איך פאר מיר בין אביסל אומווויליג צו בעטן פאר זיי, אבער איך לאז עס פאר אייך. אבער עס איז זיכער אז פאר געוויסע רשעים איז בעסער צו מתפלל זיין אז מען זאל ארויפציען די היץ פאר זיי.

**פראגע**

## איז מותר צו הרג'ענען א מורישקע אדער איז עס צער בעלי חיים?

## ענטפער:

לאמיך עפעס ערקלערן: אויף'ן גאס איז נישט קיין מצוה צו הרג'ענען א מורישקע; א מורישקע איז זייער נוצבאר אויף'ן גאס. אבער אין די הויז איז עס פונקט ווי א רויבער איז חלילה אריינגעקומען אין דיין הויז, ער האט נישט וואס צו זוכן אין דיין הויז, און דו האסט רעכט אים צו הרג'ענען. אודאי קענסטו נישט הרג'ענען א רויבער היינט צו טאגס, ווייל דו וועסט גיין אין טורמע פאר 13 יאר!

אבער א מורישקע קענסטו הרג'ענען, עס האט נישט קיין רעכט צו זיין אין דיין הויז.

דערפאר, אויף'ן גאס לאז אים אפ; ער טוט א גוטע ארבעט. עס מאכט די ערד זאל ווערן פרוכטבאר, עס העלפט אונז האבן פרנסה. אבער אין די הויז איז נישט קיין שאלה אז מען מעג עס טויטן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעכאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב